ב"ה

# דברי תורה על הפרשה

## פרשת תצוה

BROUGHT TO YOU BY MYSHLIACH
A DIVISION OF MERKOS L'INYONEI CHINUCH SUITE 302

*"Caring for the well-being of shluchim's children worldwide"*

MyShliach

SUITE|302

# פרשת תצוה

לקוטי שיחות
חלק טז
עמוד 338-341



מסתבר, אַז „ונשמע קולו" איז אַן ענין וואָס איז נוגע דער עבודה גופא[26].

ד. איינער פון די ביאורים אין דעם:

דער כהן גדול האָט געטאָן זיין עבודה אַלס שליח פון כלל ישראל: און דאָס מיינט במילא, אַז „בבואו", אין זיין אַריינגיין „אל הקודש", „נעמט" ער מיט זיך אַריין דעם גאַנצן כלל ישראל „אל הקודש".

עס איז פאַרשטאַנדיק און ערקלערט בכמה מקומות בארוכה[27], אַז די עבודה פון בעלי תשובה — וואָס איז מצד ה„ריחוק", ער אַנטלויפט פון רע — איז מיט אַ רעש, אַזוי ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון סכנת מות — מיט געשריי און שטורעם.

ועד"ז איז עס אין דעם סוג עבודה פון יעדן אידן, אפילו פון דעם וואָס האָט ניט קיין עבירות ר"ל: בשעת ער טראַכט זיך אַריין ווי אַזוי ער איז „רחוק" פון אלקות — צי דערפאַר וואָס דער נפש הבהמית איז נאָך ביי אים בתקפו[28] ובמילא איז ער אַ יש ודבר נפרד פון אלקות; אָדער אפילו מצד דעם הרגש המציאות פון זיין טוב — נפש האלקית (טאַקע אַ מציאות דקדושה — אָבער פאָרט אַ מציאות, ניט ביטול[28*]) — ווערט ער נתעורר מיט אַ קול רעש גדול[29] צו „אַנטלויפן" פון דעם מצב

[מ'האָט געפרעגט ביים בעש"ט וועגן דעם וואָס חסידים מאַכן תנועות וכו' ביים דאַוונען — האָט ער געענט־פערט[29*], אַז דאָס איז בדוגמא ווי איינער וואָס טרינקט זיך אין ים מאַכט ער אַלערליי תנועות אויף ראַטעווען זיך און שרייט בכל כחו אַז מען זאָל אים ראַטעווען, און זיכער לאַכט קיינער ניט פון זיינע תנועות און געוואַלדן].

ס'איז קיין סתירה ניט פון פסוק „לא ברעש ה'" — ווייל דער דיוק אין דעם איז „לא ברעש הוי'"[30]: כדי צו זיין אַ כלי צום שם הוי' (שלמעלה מן העולמות) דאַרף די עבודה זיין אין דער בחי' פון „קול דממה דקה" בתכלית הביטול[31]; משא"כ ווען די עבודה איז (נאָך) פאַר־בונדן מיט אַנטלויפען פון „ישות" ו„מציאות" — וואָס זי דערגרייכט צו דער בחי' פון שם אלקים[32], וואָס גיט אַן אָרט אויף מציאות — די עבודה איז, כנ"ל, פאַרבונדן דוקא מיט רעש וכו'[33].

און דאָס איז דער טעם וואָס די עבודה פון כהן גדול אַ גאַנץ יאָר איז געווען אין אַן אופן פון „ונשמע קולו גו'"[34] — ווייל

26) להעיר גם מבעה"ט כאן, ד„ונשמע קולו" קאי על (כללות) ענין העבודה.

27) סה"מ תרצ"ט ע' 2 ואילך. סה"מ תש"ב ע' 3 ואילך. סה"מ ה'שי"ת ע' 4 ואילך.

28) ראה תניא פי"ג.

28*) ראה תניא פל"ה (מד, סע"א ואילך). ובארוכה — לקו"ש ח"ט ע' 210 ואילך.

29) להעיר מיל"ש ואתחנן (רמז תתכה): שהמלאכים .. בקול גדול הן מקלסין .. למה שהן רחוקים מן הקב"ה כו'.

29*) ראה גם כתר שם טוב סי' רטו.

30) המשך תער"ב פרק שצט.

31) ראה תקו"ז בהקדמה (ג, ב) — שהו"ע תפלת העמידה, קודש הקדשים. ולהעיר מיל"ש ואתחנן שם.

32) ובשם הוי' עצמו — רק באותיות הו"ה, ולא באות יו"ד דעיקר שם הוי' הוא היו"ד (תקו"ז שם. המשך תער"ב שם).

33) ראה סה"מ תש"ח (ע' 22), דגם ביטולו של היש הוא ברעש דוקא.

34) אבל אין לומר שה„ונשמע קולו" דהכה"ג הוא ה„רעש" שעליו איתא „אית רעש ד־יתי (הוי') תמן" (תקו"ז תי"ח (לה, ב). אוה"ת לנ"ך ע' תא. המשך תער"ב שם) [אלא שעבודת יוהכ"פ בקודש הקדשים היא למעלה (גם) מרעש זה, ולכן היא בקול דממה דקה (ראה הערה 31)] —

כי רעש זה הוא בחי' קלא פנימאה דלא אשתמע (המשך תער"ב שם), וכאן נאמר „ונשמע קולו", בחי' קלא דאשתמע, כמפורש בזהר (ח"ב רלא, א).

ער דאַרף „אַרייננעמען" מיט זיך „אל הקודש" אויך די אידן וואָס זייער סדר העבודה, כניסה לקודש, איז בקול רעש כו': ווי ס'איז אויך מרומז אין דעם וואָס די פעמונים זיינען געווען בשולי (בתחתית) המעיל — דער ענין פון „ונשמע קולו" איז פאַרבונדן מיט די נידעריקע[35] מדריגות פון אידן, וואָס זייער עבודה איז מצד הריחוק, כנ"ל.

און דערביי איז די אזהרה „ונשמע קולו גו' ולא ימות" — אַז אין דעם איז תלוי דער כללות החיות פון כהן גדול: אויב ביי אים איז ניטאָ דער „ונשמע קולו" — ער וויל ניט כולל זיין אין זיין עבודה אָט די אידן[36] וועלכע זיינען אין בחי' „שולי המעיל" (אפילו ווען דאָס איז דערפאַר וואָס ער וויל האַלטן ביי דער העכערער עבודה פון „קול דממה דקה") — ווערט בטל ר"ל זיין מציאות (מיט זיין עבודה); ווייל די שלימות פון כלל ישראל איז תלוי אין דער עבודה וואָס נעמט אַרום אַלע ששים רבוא ישראל[•36], פון ראשיכם שבטיכם גו' ביז חוטב עציך ושואב מימיך.

ה. דאָס איז אָבער נאָר ביי דער עבודה פון כהן גדול במשך כל השנה, ווען כניסתו און עבודתו איז נאָר אין „קודש" — דאָרט איז פאַראַן אַן אָרט פאַר די חילוקי דרגות אין אידן, פון ראשיכם שבטיכם גו' ביז חוטב עציך ושואב מימיך, און דערפאַר איז ונשמע — עס איז ברעש;

משא"כ די עבודה פון כהן גדול ביום הכפורים אין קדש הקדשים איז אַן אַ רעש[18], ווייל דעמאָלט[37] זיינען די אידן כמלאכים[38], די התגלות פון דער התקשרות עצמית פון אַלע אידן מיטן אויבערשטן[•38]; און וויבאַלד אַז יעדער איד, אפילו די וואָס זיינען שייך צו „שולי המעיל", שטייען דאַן בתכלית הקירוב וההתאחדות מיט אלקות — יחידה ליחדך — איז אויך זייער כניסה לקודש הקדשים (דורך דעם כהן גדול) ניט ווי אַ רחוק שנעשה קרוב [וואָס דאַן איז עס מיט אַ רעש כו'], נאָר בתכלית הביטול, בקול דממה דקה.

ו. ע"פ כהנ"ל וועט אויך זיין פאַרשטאַנדיק דער חילוק צווישן שיטת הרמב"ן (אַז „אם לנוי .. יעשם כמין תפוחי זהב") און שיטת רש"י (אַז אין דעם פאַל דאַרפן זיין „רמונים" [לנוי]):

אידן זיינען געגליכן סיי צו „תפוח"[39] און סיי צו „רמון". דער חילוק צווישן זיי איז: דער דמיון צו תפוח איז מתאים צו אידן ווי זיי זיינען ברום המעלה[40]; און בחי' „רמון" איז בשייכות צו אידן וואָס געפינען זיך בשפל המצב „כפלח הרמון רקתך — ריקנין שבך"[41], אָבער אויך זיי זיינען אָנגעפילט מיט טוב וקדושה —

---

35) להעיר מזהר שם. דאיצטריך קלא דאשתמע וברכאן ישרון על עלמא. וראה אור החמה לזהר שם.

36) להעיר מרמ"א (או"ח רסתקפ"א): צריך שיוציא כל אדם בתפלתו ואם כו' גם כו'.

•36) ראה דב"ר פ"ז, ח.

37) טאו"ח סתר"ו (מפדר"א פמ"ו). שם (ושו"ע אדה"ז) סתרי"ט, ס"ט (מדב"ר פ"ב, לו). רמ"א ושו"ע אדה"ז שם סו"ס תרי (וראה דב"ר שם — הוצאת ליבערמאן).

38) וגם במלאכים — האופנים וחיות הקודש ברעש גדול כו' משבחים כו' (וראה לעיל הערה 29) — לכן גם ביוהכ"פ ישנה עבודה (בחוץ, שהיא במעיל ונשמע קולו.

•38) ראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1153 ואילך.

39) שבת פח, סע"א (אבל בתוס' שם דהיינו אתרוג). שהש"ר פ"ב, ג (א). זח"ב (רע"מ) קכ, ב. ועוד.

40) ראה לקו"ת בחוקותי מט, ד. אוה"ת נח (נח, א־ב. ושי"נ). ועוד.

41) שה"ש ד, ג. ברכות נז, א. ושי"נ. וראה אוה"ת בראשית (כרך ג') תפג, ב. במדבר ע' קכב. ועוד.

ווי דער המשך וסיום פון דעם מרז״ל „אפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרמון״.

אין פירוש רש״י, פשוטו של מקרא — וואו די אידן ווערן געזען ווי זיי זיינען בפשטות (בחיצוניות) — זעט מען די אידן שב„שולי המעיל״ אין אַ דרגא פון „ריקנין״; און דעריבער האָבן געדאַרפט זיין דווקא „רמונים״[42] — צו באַווייזן, אַז אויך די „ריקנין״ [און אפילו די וואָס זיינען נידעריקער דערפון — „אפילו פושעי ישראל״[43]] זיינען אַריין מיטן כהן גדול „אל הקודש״, זיי זיינען אַ טייל פון כלל ישראל, און נאָכמער — מלאים מצות כרמון.

אין פירוש הרמב״ן, וואו עס זיינען דאָ (ניט נאָר „פשטים״, נאָר) אויך „דברים נעימים .. ליודעים חן״[44], איז דאָרט מודגש די פנימיות פון אידן, וואָס מצד דעם האָט אַ איד קיין שייכות ניט צו חטא, ועמך כולם צדיקים[45] —

[ומהאי טעמא איז דער רמב״ן מפרש אַז דער „ונשמע קולו״ איז נאָר אַ הכנה צו דער עבודה שלאחרי׳[46] פון כהן גדול און ניט קיין ענין אין דער עבודה גופא — ווייל זיין כניסה לקודש, אויך אַלס שליח פון כלל ישראל, איז אין אַ דרגא פון **עבודת הצדיקים, בקול דממה דקה**[47]]

און דאָס איז די קושיא (לויט זיין פירוש): „ואם לנוי .. יעשם כמין תפוחי זהב״ — אויב די „רמונים״ זיינען (ניט צוליב שמוש, נאָר) אויף אַרויסברענגען די שיינקייט, די מעלה פון בני ישראל („לנוי״) — דאַרף מען מדגיש זיין ניט די מעלה וואָס איז מרומז אין „רמון״ [„ריקנין שבך מלאים מצות כרמון״][48], נאָר דעם עילוי פון אידן מצד פנימיותם, וואָס יעדער איד איז ווי אַ „תפוח זהב״[49] (און ניט קיין „ריקן״ ח״ו),

ע״ד ווי אין דער מנורה — וואָס אירע ז׳ נרות זיינען מרמז אויף (אידן ווי זיי זיינען) די ז׳ מדרגות אין עובדי ה׳[50] — זיינען געווען אין יעדער נר „כמין תפוחים״ (כנ״ל סעיף ב׳).

ז. אע״פ אַז בפשטות ובחיצוניות איז די עבודה אינעם אופן פון „ונשמע קולו״ נידעריקער פון דער עבודה ב„קול דממה דקה״ — אעפ״כ איז דאָ אין איר, אין דער עבודה ברעש, אויך אַ מעלה לגבי דער עבודה בביטול:

די עבודה ב„קול דממה דקה״ איז מיט אַ הגבלה. אמת, דער עובד שטייט טאַקע מיט אַ ביטול, דאָס איז אָבער אין אַן אופן פון אור בכלי, מיט אַ התיישבות.

משא״כ די עבודה פון „ונשמע קולו״, איז דער רעש גדול גופא אַ באַווייז, אַז ער איז אַרויס פון די הגבלות פון „כלים״, ער קען ניט מגביל זיין די התפעלות און דעריבער קומט עס אַרויס אין אַ צעקה וקול[51]. און דאָס איז איינער

---

42) להעיר מתו״א פ, סע״ג.

43) כלשון חז״ל — עירובין יט, א. חגיגה בסופה. וצע״ק מ״ש בתו״א שם ד„ריקנים אין פי׳ פושעים ומורדים ח״ו״. **וראה לקמן ע׳ 437 הערה 25.**

44) לשון הרמב״ן בה„פתיחה״ לפירושו עה״ת בסופה.

45) ישעי׳ ס, כא.

46) וגם ה„ונשמע קולו״ שבאמצע העבודה (דהולכת הדם וכיו״ב), י״ל דכוונתו ההכנה לחלק העבודה שלאח״ז (דההולכה ולהזריקה).

47) או — כנ״ל הערה 34.

48) ומכש״כ שאין מקום לעשותם רמונים חלוקים — היפך דמלאים מצות כרמון.

49) עפ״ז תומתק הוספת הרמב״ן „(תפוחי) זהב״, וגם בזה משנה מ„(רמוני) תכלת גו׳״ (ודוחק לומר דנקיט לישנא דקרא משלי (כה, יא)) — להדגיש העילוי וחשיבות דבנ״י.

50) לקו״ת ר״פ בהעלותך.

51) וכמבואר במעלת עבודת האופנים שהיא ברעש גדול לגבי עבודת השרפים, ועד״ז הוא העילוי

פון די טעמים אויף דעם וואָס „מקום שבע״ת עומדין אין צד״ג יכולין לעמוד בו״[52] — ווייל דוקא אין דעם „רעש״ פון עבודת התשובה זאָגט זיך אַרויס דער בל״ג פון נשמה.

ח. פון כל הנ״ל איז דאָ אַ הוראה מיוחדת פאַר דורנו זה — דרא דעקבתא דמשיחא:

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה׳ן: הן אמת, אַז מצד דעם שפל המצב פון אונזער דור מוז מען זיך פאַר־נעמען מיט הרבצת התורה והחזקת היהדות וכו׳; און אַז מ׳קען זיך ניט מסתפק זיין מיט זיצן אין די אייגענע ד׳ אמות (אפילו אין די ד׳ אמות של תורה) און וואַרטן ביז מ׳וועט זיך ווענדן צו אים און בעטן ער זאָל מפיץ זיין תורה וכו׳, נאָר מ׳דאַרף אַרויסגיין אין „דרויסן״, אין חוצה און געפינען אידן „נדחים״ און פון זיי „מאַכן בעלי תשובה״ —

וואָס איז אָבער דער הכרח צו טאָן אָט די אַרבעט מיט אַ קול רעש גדול? פאַר־וואָס איז אַזוי נויטיק צו אַרויסגיין אין גאַס און דאָרט אויסרופן בקול רם, אַז אידן זאָלן לייגן תפילין, אַנקלאַפּן מזוזות אויף די טירן, געבן צדקה וכיו״ב — אַ הנהגה וואָס מ׳געפינט ניט אַ שטורעם בזה אין די פריערדיקע דורות?!

איז דער ענטפער אויף דעם: לויט אַלע סימנים פון סוף מס׳ סוטה זעט מען אַז מיר געפינען זיך איצט אין דרא דעקבתא דמשיחא — אין דער דרגא היותר תחתונה — „שולי המעיל״: דאַרף מען וויסן זיין, אַז בשולי המעיל דאַרפן זיין די „פעמונים״[53] — אַז די כניסה פון דעם סוג אידן „אל הקודש״, תחת כנפי השכינה איז אויסגעשטעלט אין אַן אופן פון „ונשמע קולו״; ואדרבה — דוקא אין דעם „רעש״ פון עבודת התשובה איז דער תכלית העילוי, כנ״ל.

ט. נאָך אַן ענין אין דעם:

בשעת מ׳זעט אַז ביי „עוברי רצונו״ איז דאָ „קול המונה של רומי״[54] — אַלע ענינים פון לעו״ז ווערן געטאָן ניט בחדרי חדרים, נאָר מיט דעם גרעסטן פרסום ורעש —

איז דער וועג צו מבטל זיין דעם שטורעם פון סטרא אחרא — „במינה ודוגמתה .. מיני׳ ובי׳ אבא לשדי׳ בי׳ נרגא״[55], ד.ה. דורכדעם וואָס אויך די עבודה פון „עושי רצונו״ איז אין אַן אופן פון „ונשמע קולו״ און דוקא אין דעם אָרט וואו עס געפינט זיך „קול המונה של רומי״;

און דאָס וועט ברענגען צו „מה לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכו״כ״[54] — אַז ביי אידן וועט זיין „יושבין בטח והשקט״[54] על אדמתם, דורך „יתקע בשופר גדול״[56] דוקא, דורך דעם „קול מבשר מבשר ואומר״ — מבשר הגאולה, בקרוב ממש.

(משיחת ש״פ תצוה תשל״ה)

---

בהאהבה של נה״ב לגבי אהבת נה״א (מצ״ע) — ראה לקו״ת ד״ה האזינו (הג׳) פ״א־ד (ושם פ״ד, שזהו העילוי דעבודת התשובה). ובכ״מ.

52) ברכות לד, ב. רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ד.

53) וראה סה״מ תש״ב (ריש ע׳ 7): הנרדמים הצריכים הקיצה והוא ע״י רעש וקול כו׳.

54) לשון הגמרא — סוף מכות.

55) תניא רפל״א.

56) ישעי׳ כז, יג. וראה לקו״ת ר״ה ד״ה והי׳ ביום ההוא (נח, א ואילך). עטרת ראש שער ר״ה כב, א ואילך.

# פרשת תצוה

# דבר תורה

## Intro

Today we are going to talk about noise. Noise usually is a disturbance. For example if you are trying to do your homework and your brother is playing loud music that will disturb your ability to concentrate and focus.

However today we are going to focus on a good type of noisiness.

When the Kohen Gadol would go into the Kodesh in order to offer up the Ketores and light the Menora, there was a Mitzva that the Kohen Gadol wear bells attached to the bottom of his Me'il- the robe the Kohen Gadol wore. These bells would jingle as he walked and would make a lot of noise.

## Question

The question is asked, why does the Kohen Gadol have to wear noisy bells? In fact, generally we find that the correct way to serve Hashem is not through being showy and noisy but rather to act with Aidelkeit and Tznius? So what's the story with these bells?

## Answer 1 !

The Ramban (Who was a Rishon and lived in the 13th century) suggests as follows. This is how it goes. When you go to your siblings room and you want to tell your brother or sister something, in order not to shock or surprise them, what do you do? You knock on the door. That way they know that you're outside and you won't give them a shock. That's the respectful way of doing things.

Even if your brother expects you; and he is waiting for you to come to his room, it's still the respectful thing to do, to knock before you come in.

The same thing is true with the Kohen Gadol. When the Kohen Gadol goes into the Kodesh, as a sign of respect, he lets Hashem know that he is coming in. He does this by wearing bells which make noise. Even though Hashem knows everything and Hashem knows that the Kohen Gadol is coming, it is still respectful to let Hashem know that he is coming.

This is the reason that the Ramban gives, to explain why the Kohen Gadol wears these noisy bells.

However we are left with one problem. This explanation doesn't answer why the Kohen Gadol wore the bells once he's already inside the Kodesh? It answers why he wears them as he enters, because before you come into someone's room,

you knock on the door in order to let them know that you are there. But to continue to make noise when you are already in someone's room that itself is disrespectful!

For the Kohen Gadol to make noise while already in the Kodesh, in front of Hashem, is like saying "I am here, pay attention to me!" That seemingly is not the right attitude to have when you are coming before Hashem! A Yid is supposed to have Bittul. Bittul means that instead of focusing and being aware of one's own desires and needs, he chooses instead to focus on Hashem, to be aware of Him and to be dedicated to fulfilling what Hashem wants. Now if the Kohen Gadol, while inside the Kodesh, wore bells on his Me'il that make noise, that is the opposite of Bittul!

## Answer 2 (!)

We will answer this question by first understanding who the Kohen Gadol is representing when he goes into the Kodesh.

When the Kohen Gadol goes into the Kodesh to serve Hashem, he is the Shliach of the entire Jewish people. Since all the Yidden can't come inside the Kodesh to serve Hashem, the Kohen Gadol enters, serving as their Shliach, and it's as if all the Yidden went inside to serve Hashem.

That means, that he not only represents Tzaddikim - Yidden who learn lots of Torah and do many Mitzvos and are already in the habit of doing good and have never done an avaira, but rather he also is coming in on behalf of the Yidden who are Baalei Teshuva - who are not in the habit of always doing Mitzvos. In fact many times Baalei Teshuva are used to doing Aveiros and it's very tough for them to serve Hashem!

Whenever someone gets into a habit, such as sucking their thumb or biting their nails; it can be very difficult to stop!

The same is true with Baalei Teshuva. You see, Baalei Teshuva were often brought up not eating kosher, not davening with a minyan and doing many things that aren't healthy for a Yiddishe Neshama. When they decide to start keeping Torah and Mitzvos, it can be very difficult for them to all of a sudden get into the habit of living a life the way Hashem wants them to. They have to rip themselves away from their Aveiros and run towards Hashem!

There's a story with the Baal Shem Tov, that someone asked him, why do Chassidim get so excited when they Daven; why do they make such wild movements?!

The Baal Shem Tov answered him with a Moshel. "Have you ever seen a man who is drowning? He will flail around, screaming and shouting and begging for people to come and save him! The same is true with a Yid davening. He is begging for Hashem to help him out; that he should have the energy and ability to serve

Hashem properly. In fact, he considers his Avodas Hashem so important, that it is a life and death matter to him!"

The same is true with a Baal Teshuva. A Baal Teshuva is running away from a lifestyle that he is not happy with. He is not happy with all the negative things he is involved with and he does not want to separate himself from Hashem.

He wants so much to be connected to Hashem. However since he has gotten used to all sorts of negative behaviors, it is terribly difficult for him.

Therefore his Avodas Hashem is very noisy. He is screaming inside, "I must get away from this terrible situation where I am separated from Hashem, I want to serve Hashem and be closer to him!"

Since the Kohen Gadol represents every Yid, also Baalei Teshuva, not just the Tzaddikim, he therefore has to wear bells at the bottom of his robe. True, they struggle with bad stuff and they therefore are at the bottom of the Me'il but nevertheless since the Kohen Gadol represents every single Yid he must wear the noisy Baal Teshuva bells! In fact if the Kohen Gadol does the Avoda without the bells on his Me'il he can be punished very severely!

This is the reason why the Kohen Gadol has to wear bells even while serving inside the Kodesh. Since he is also a representative of the Baalei Teshuva, whos Avoda is with noise, therefore the Kohen Gadol's Avoda is also done with noise.

Every single person, has particular Mitzvos which he finds easier and others which he finds harder to do. A person can find getting up and Davening with a minyan very easy. He does it on auto pilot. It is so natural and easy for him. However when it comes to having Ahavas Yisroel he struggles tremendously. Every time something doesn't go the way he would like it to, he flies off his handle and goes into a rage!

So in the regard of waking up in the morning he is a Tzaddik. It is an easy quiet Avoda. However his Avoda with regards to having Ahavas Yisroel is a noisy struggle. He has to fight and battle for control over his anger. Like a Baal Teshuva.

Now the areas of a persons' Avodas Hashem which require struggle, can cause a person to become sad. He can say sometimes to himself, "I want to serve Hashem. Why can't things be easy for me? Why do I have to struggle so much?"

However when the Kohen Gadol goes into the Kodesh he is also representing the people who struggle. This therefore teaches us that we shouldn't be disheartened if our Avodas Hashem doesn't always go smoothly and quietly; without any fuss. It too is an Avoda that is taken into the Kodesh with the Kohen Gadol! Even when you struggle, Hashem wants your Avoda! Hashem doesn't only care about the perfect smooth Avoda of Tzaddikim! In fact if the Kohen Gadol would leave our struggling Baal Teshuva - like moments

behind, he would be Chayav Misa! If he leaves the Baal Teshuva bells behind, it's bye bye time to the Kohen Gadol! That's how important our noisy struggles are to Hashem!

Until now we have discussed the noise that comes from our internal struggles; with the Yetzer Hara within.

However in the times we find ourselves presently, at the very end of Golus ,when we see so much darkness around us, the bells also teach us a lesson about how to combat the darkness we find around ourselves in the world at large.

The bottom of the Me'il refers to the lowest spiritual times, the time right before the Geula, and it is specifically there that the bells are found. What does that teach us? It teaches us that Yiddishkiet that we are involved with, needs to be done with a lot of noise; with a Shturem!

In general, the way that Yidden served Hashem was always with Tznius and Aidelkeit, in a quiet refined manner. However nowadays when we find in the world such Chutzpah and Klipa in the streets, completely open with no shame, the way we have to combat the darkness is through a Shturem of Kedusha! We do Mitzvos and go on Mivtzoim with our heads held high, with pride and with lots of noise! We are letting the world know that there is an Aibishter and He wants us to serve him!

# פרשת תצוה

דבר תורה

WORKSHEET

In this week's Sedra the Torah tells us that when the Kohen Gadol goes into the Kodesh to do the Avoda he must wear __________ on the bottom of his robe. The question is asked, why is it so important that the __________ __________ wear these bells?

One answer that is given is that the noise created by the bells is like asking __________ from Hashem to enter his Kodesh, much like __________ before you go into someone's room.

However this only answers why he wears the bells as he __________ the Kodesh. What it does not answer, is why he wears them when he is __________ in the Kodesh? You would think that wearing noisy bells while in the Kodesh is actually disrespectful!

The Rebbe explains that when the Kohen Gadol enters the __________ to serve Hashem, he is bringing with him into the Kodesh, all the Yidden he is representing, in order to serve Hashem.

The bells that the Kohen Gadol wears on his robe, represent the __________ __________ whos service of Hashem is done with noise. Just like we find by

MyShliach

someone who’s running away from danger, that they scream and shout; so too Baalei Teshuva - who struggle with the spiritually dangerous Aveiros that they are used to and are desparate to run away from them - are represented by noisy ___________.

This is why the Kohen Gadol has to wear the bells. If the Kohen Gadol would not wear the bells he wouldn’t be doing his job properly; as he is not representing the whole Jewish people; he is leaving behind the Baalei Teshuva who struggle to serve Hashem. Since these struggles are very ___________ to Hashem they can’t be left behind. That is why the Kohen Gadol must wear the bells.

Good Shabbos!